בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר דברים

נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל
וזג' הינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חלציהם

### פרשת כי תבא

# די תכלית פון תפילה

**פרנס השבוע**

לע"נ
ר' פנחס בן ר' יעקב ע"ה
ר' ישכר דוב בן ר' יעקב נפתלי ע"ה

לרפואת שלימה
**יהודא בן רחל** בתושח"י

לע"נ
מרת רחל בת ר' שלמה ע"ה

צו מנדב זיין רופט:
**347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**


בשריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2021 by: TorasAvigdor.org



Email: Director@torasavigdor.org | Telephone: 347.451.0332
Address: 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת כי תבא
שנה ד׳

# די תכלית פון תפילה

## תוכן:
חלק א. תפילה מיט א ברען - חלק ב. תפילה מיט בטחון - חלק ג. דורכלערנען די תפילה

## הכרת הטוב פאר די לאנד

אין פרשת כי תבא לערנען מיר איבער די מצוה פון ביכורים; דאס איז געווען א מערקווירדיגע סצענע - אונזערע אור-עלטערן פלעגן זיך איינזאמלען צוזאמען פון אלע עקן ארץ ישראל און ברענגען די ערשטע רייפע פרוכט פון זייערע פעלדער צום בית המקדש אלס אן אויסדרוק פון הכרת הטוב צום באשעפער. אלס טייל פון די מצוה איז געווען א געוויסער נוסח, אן אויסדריק פון הכרת הטוב צום באשעפער, וואס דער פעלד ארבעטער פלעגט זאגן ביים אנקומען אין די עזרה, וואס טייל פון אט די פסוקים אין די תורה וועלן מיר אצינד פראבירן דורכצולערנען.

צווישן אנדערע זאכן, האט דער פעלד ארבעטער אויסגעדריקט זיין הכרת הטוב צום באשעפער אויף דעם וואס ער האט געראטעוועט די אידישע קינדער פון מצרים, און ער האט געזאגט ווי פאלגענד: **וַנִּצְעַק אֶל ה׳ אֱלֹקֵי אֲבֹתֵינוּ וַיִּשְׁמַע ה׳ אֶת קֹלֵנוּ... וַיּוֹצִאֵנוּ ה׳ מִמִּצְרַיִם... וַיְבִאֵנוּ אֶל הַמָּקוֹם הַזֶּה**, "מיר האבן געשריגן צו דיר באשעפער... און דו האסט אונז ארויסגענומען פון מצרים... און אונז געברענגט צו דעם ארט" (כי תבא כו:ז-ט). ער דערציילט דארט ווי אזוי דער באשעפער האט איינגעהאלטן זיין הבטחה צו אונז דורך אונז ראטעווען פון קנעכטשאפט אין מצרים.

אבער מיר זעען עפעס אינטערעסאנט אין די פסוקים: "מיר האבן געשריגן צו דיר און דו האסט אונז ארויסגענומען." עס זעט אויס ווי דאס איז די סיבה פארוואס דער באשעפער האט אונז ארויסגענומען, אבער דאס איז א גרויסע שאלה. וואס איז דער ענין פון שרייען? און אויב זיי וואלטן נישט געשריגן? איז עס דען נישט געווען א הבטחה וואס דער באשעפער האט געגעבן צו אברהם און יצחק און יעקב - יעדער פון זיי עקסטער - אז ער וועט ארויסנעמען זייערע קינדער פון מצרים? ס׳איז געווען א ברית! דער פעלד ארבעטער אליין זאגט דאס: **הִגַּדְתִּי הַיּוֹם לַה׳ אֱלֹקֶיךָ כִּי בָאתִי אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע ה׳ לַאֲבֹתֵינוּ לָתֶת לָנוּ** - איך דערצייל היינט פאר׳ן באשעפער אז איך בין אריינגעקומען אין דאס לאנד וואס ער האט געשוואוירן צו אונזערע עלטערן אונז צו געבן" (שם. ג). ער האט געגעבן זייןווארט צו די אבות. איז דען דאס נישט גענוג?

## די הבטחה פארזיגלונג

דער ענטפער איז, ניין, ס׳איז נישט גענוג. ס׳איז דא נאך א פרט וואס פאדערט זיך פאר א פאלק

וואס גייט ארויסגענומען ווערן פון מצרים, און דאס איז, שרייען צום באשעפער. און מיר וועלן אצינד לערנען אז דאס איז נישט געווען בלויז נאך א זאך - דאס איז געווען אלעס! ס'איז געווען בלויז דערפאר וואס די אידישע קינדער האבן אויסגעשריגן, דערפאר זענען זיי ארויסגענומען געווארן פון מצרים. טראץ דעם בונד, טראץ די הבטחה וואס האט געדארפט ערפילט ווערן - נאך אלעם איז עס דער ווארט פון באשעפער וואס איז נישט מעגליך עס זאל נישט מקוים ווערן פריער אדער שפעטער - טראץ דאס אלעס, האט דער באשעפער געווארט ביז ער האט געהערט זייער אויסגעשריי. די אויסגעשריי איז געווען דאס וואס האט פארזיגלט דעם אפמאך.

און נישט בלויז איין אויסגעשריי; זיי האבן אויסגעשריגן פאר א לאנגע צייט. ס'ווערט איבערגע'חזר'ט נאכאמאל און נאכאמאל: "איך האב געהערט זייער געשריי: (שמות ג:ז), "זייער געשריי איז געקומען פאר מיר" (שם. ג:ט), "איך האב געהערט דאס ווי געשריי פון די אידישע קינדער" (שם:ה). נאר ווען דער באשעפער האט געהערט גענוג אויסגעשרייען פון זיי, נאר דאן האט דער באשעפער באשלאסן צו ערפילן זיין בונד מיט זיי.

## קרעכצן אינאיינעם

אלזא, מיר טראכטן אז דער האט געקרעכצט פאר זיך, און דער האט געקרעכצט פאר זיך; אז זיי האבן געוויינט פריוואט. יעדעס מאל עפעס האט פאסירט האבן זיי אויסגעשריגן. ניין, דאס איז א גרויסער טעות. אודאי איז דאס אויך געווען, אבער איר פארשטייט נישט די וועגן פון אונזערע אור-עלטערן. ס'איז געווען אן ארגאניזירטע ווײ-געשריי! זיי זענען זיך צוזאמגעקומען צו קרעכצן. דאס איז וואס זיי האבן געטון. ווען נאר זיי האבן געהאט א געלעגנהייט זענען זיי זיך צוזאמגעקומען און זיי האבן געשריגן, "**אָנָּא ה' הוֹשִׁיעָה נָּא** - באשעפער, מיר בעטן דיר, העלף אונז."

אבער נישט אזוי ווי איך זאג עס, " **אָנָּא ה'**," שטילערהייט. זיי האבן געשפאלטן דעם דאך! אזוי האבן עס אונזערע אור-עלטערן געטון; דאס איז די אלטע - כ'וועל נישט זאגן אידישער וועג - ס'איז געווען דער אלטער עברי'שער וועג צו אויסשרייען "**מקירות לבם**", פון די ווענט פון זייער הארץ (ירמיהו ד:יט). זיי האבן געשריגן כדי צו מאכן דעם באשעפער צוהערן.

## מינימאלע קרעכצן

למעשה זעט עס אויס אינטערעסאנט צו אונזערע 'סאפיסטיקירטע' אויערן; ווען מיר דאווענען וואלטן מיר נישט געשריגן צו שפאלטן הימלען. מיר פארשטייען אז דער באשעפער הערט אויך שעפשען און דערפאר טוען מיר נישט אזעלכע זאכן - מיר זענען צו פארגעשריטן אויף דעם.

נישט נאר וואס מיר שרייען נישט, נאר מיר בעטן אויך נישט צופיל. איר ווייסט, עס זענען דא אסאך מענטש היינט וואס זענען פיינע מענטשן און זיי האבן נישט ליב צופיל צו באלמוטשען דעם באשעפער. זיי וועלן בעטן, זיי וועלן זאגן די תפילות, אבער זיי וועלן נישט גיין איבער די מאס. שטילערהייט וועלן זיי דערמאנענ עפעס, "איך דארף פרנסה," אדער "איך וויל זיין געזונט." אבער זיך איינצובעטן אדער צו מוטשענען, צו העכערן זייער קול און אויסרופן צו אים, דאס וועלן זיי נישט טון. זיי וועלן אים נישט אזוי דערקוטשען. זיי דערמאנענ אים פון צייט צו צייט עס צו האלטן אין קאפ און דאס איז עס.

## שריי אונטער'ן באן

אבער דאס איז זייער ווייט פון דעם דרך פון אונזערע אור-עלטערן. איר מיינט אז זיי זענען דארט

געשטאנענען און געזאגט א פארמאלע תפילה? יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, אדער עפעס אזוי פון סידור און זיי האבן עס אפגעזאגט און שוין? ניין! נישט אזוי האבן זיי געדאווענט. זיי האבן געשפאלטן די הימלען מיט זייערע תפילות. אֵין לָנוּ מֶלֶךְ אֶלָּא אָתָּה - מיר האבן קיינעם נישט אויסער דו! נישט פרעה, נישט משה רבינו, קיינער וועט אונז נישט ארויסנעמען פון דא, אויסער דו! איך קען נישט שילדערן וואס עס איז דארט פארגעקומען אבער איר קענט זיכער זיין אז עס איז געווען גאר א רירנדע סצענע. כ'בין זיכער אז זיי זענען געווען היסטעריש! וַנִּצְעַק! און מיר האבן אויסגעשריגן!

פראבירט דאס איין מאל. דו גייסט אין גאס און ס'איז דא אסאך גערודער פון דער פארקער - אפשר גייסטו אונטער די באן שינעס און עס פארט אריבער א באן וואס מאכט אן אומגעהויערע גערודער. קיינער שטייט נישט נעבן דיר, קיינער קען דיר יעצט נישט הערן, איז עפן דיין מויל און שריי מיט דיין העכסטע קול, "איך האב נישט קיין קעניג אויסער דו!"

דו האסט דאס קיינמאל פריער נישט געטון? אויף וואס ווארטסטו? פראביר עס אמאל, אמאל. שריי אויס צו אים פאר עפעס. פאר וואס? פאר א שידוך, פאר קינדער, פאר געזונט - עס זענען דא טויזנטער זאכן וואס דו דארפסט. דו דארפסט גארנישט? ס'איז אוממעגליך, אבער לאמיר זאגן דו האסט א קלאץ קאפ; איז שריי פאר אנדערע מענטשן וואס ליידן. דאס איז דער וועג צו דאווענען - דו שרייסט ווייל דו ביסט אינגאנצן דערביי!

## דעם צדיק'ס פאטער

אויף דעם צדיק הרה"ק רבי דוד לעלוב'ער, וואס האט געוואוינט אין גאליציע, האט מען שוין פון אלס פיצל קינד געזען אויף אים אז ער איז א הייליג קינד. - אבער איך רעד נישט יעצט וועגן אים - איך וויל אייך פארציילן איבער זיין טאטע.

זענען צדיקים אין יענע צייט אמאל געקומען און געפרעגט זיין מאמע - דאס איז געווען נאך וואס זיין טאטע האט שוין נישט געלעבט, "ווי אזוי איז דאס אז אייער קינד איז געבוירן געווארן א קדוש מרחם?" שוין פון אלס בעיבי איז ער געווען א קדוש!

"ווי אזוי האט איר זוכה געווען צו אזא זאך? אפשר איז אייער מאן" - דער פאטער פון רבי דוד - "געווען א גרויסער צדיק?"

"ניין," האט זי געענטפערט, "ער איז געווען א פשוט'ער מענטש."

אבער די צדיקים האבן נישט נאכגעלאזט. "צי קענט איר זיך דערמאנען עפעס איבער אים? עפעס! דערציילט אונז עפעס וואס איז געווען ספעציעל."

## הייסע תפילות

אבער זי האט זיך געהאלטן ביי איר'ס. "ס'איז נישט געווען עפעס ספעציעל," האט זי געזאגט, "ער איז געווען א פשוט'ער מענטש. נאר איין זאך געדענקט איך יא. איך דערמאן זיך אז שבת פלעגט ער ארומגיין דעם טיש און דאווענען פאר א זון. ווען ער זענען צוגעקומען צו די ווערטער" - אין איינע פון די זמירות - "וְיִזְכּוּ לִרְאוֹת בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְווֹת" - דאס איז א תפילה אז מיר זאלן זוכה זיין צו קינדער וואס לערנען תורה און זענען מקיים מצוות - "פלעגט ער דאס זינגען נאכאמאל און נאכאמאל, יעדעס מאל מיט מער און מער התלהבות.

"און דערנאך האט ער אנגעהויבן צו וויינען און שרייען און ביים ענדע פלעגט ער קלאפן זיין קאפ אין וואנט. ער האט געשריגן צום באשעפער! און ער האט אזוי שטארק געקלאפט זיין קאפ, אז ער

פלעגט חלש'ן!

"דאס איז וואס איך געדענק," האט זי זיי געזאגט.

אין יענע צייט האט אויסגעזען ווי ער איז עקסטרעם, צו דאווענען מיט אזא ברען, אבער דאס איז וואס איז ארויסגעקומען דערפון. דאס איז געווען א "פשוט'ער איד" אמאל.

## גרייט פאר די גאולה

און אזוי האבן אונזערע אבות אין מצרים געקלאפט זייער קאפ אין וואנט. איך קען נישט זאגן פונקטליך וואס זיי האבן געטון, אבער איר קענט זיכער זיין אז זיי זענען געווען עקסטרעם. זיי האבן אויסגעשריגן זייערע הערצער און געבעטן צו אויסגעלייזט ווערן פון די שלעכטע מצריים, פון זייערע בייטשן און ציגל און די קנעכטשאפט. און דאס איז פארוואס זיי זענען צום סוף ארויס פון מצרים.

אבער אצינד וויל איך אייך עפעס זאגן, עפעס וואס איר האט מן הסתם נישט געוואוסט. דער באשעפער האט זיי נישט ארויסגענומען ווייל זיי האבן געוויינט. ס'איז נישט אז זיי האבן געוויינט, אזוי אז ער האט רחמנות געהאט אויף זיין פאלק. אה ניין! אודאי דאס אויך, אבער ס'איז פיל מער ווי דאס - ס'איז ווייל דורך אלע זייערע געשרייען זענען זיי געווארן נייע מענטשן. אויף וויפיל זיי האבן געטרויעט דעם באשעפער פריער, האבן זיי יעצט הונדערט מאל, טויזנט מאל מער געטרויעט דעם באשעפער. זיי זענען געווארן געוואלדיגע בעלי בטחון.

זיי האבן אויסגעשריגן מיט אזא כוונה, אזוי טיף פון הארצן, מיט אזא הויכע קול, אז דער באשעפער האט געזען אז זיי געטרויען אים און יעצט זענען זיי געווען גרייט צו ווערן זיין פאלק - זיי זענען גרייט געווען צו אויסגעלייזט ווערן פון מצרים און געברענגט ווערן צום הר סיני צו באקומען די תורה. "אויב געטרויעט איר מיר אזוי שטארק," האט דער באשעפער געזאגט, "דאן זענט איר יעצט גרייט פאר מתן תורה."

## זיך פארזיכערט אין באשעפער

דאס איז עפעס וואס מיר זאגן יעדן טאג ביים דאווענען אבער מערסטנס מענטשן טראכטן נישט וואס זיי זאגן. אין אהבה רבה זאגן מיר: אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ - אונזער פאטער אונזער קעניג, **בַּעֲבוּר אֲבוֹתֵינוּ שֶׁבָּטְחוּ בְךָ** - פון וועגן אונזערע עלטערן וואס האבן זיך פארזיכערט אין דיר, **וַתְּלַמְּדֵם חֻקֵּי חַיִּים** - און דו האסט זיי געלערנט די וועגן פון לעבן. דאס מיינט, ווייל אונזערע אור-עלטערן האבן זיך פארזיכערט אין דיר, דאס איז פארוואס דו האסט אויסגעוועלט זיי ארויסצונעמען פון מצרים און זיי ברענגען צום הר סיני צו ווערן דאס נצחיות'דיגע תורה פאלק.

נאך אלעם איז דאס פארוואס עס איז געווען יציאת מצרים. די גאולה פון מצרים, דארפן מיר פארשטיין, איז נישט געווען בלויז צו ווערן א פרייע פאלק. ס'איז זיכער נישט געווען בלויז אונז אויסצולייזן פון אונטערדריקונג, אדער צו באשטראפן פרעה און אונזערע אונטערדריקער. ס'האט געהאט א פיל גרעסערע ציל ווי דאס. יציאת מצרים איז געווען די הקדמה צו מתן תורה.

און ווי אזוי האט זיך דאס אלעס אנגעהויבן? וואס איז געווען דער גורם צו צואיילן דאס אנקומען צו אט דער געוואלדיגער נצחיות'דיגער צושטאנד? דאס איז געווען ווייל **אֲבוֹתֵינוּ שֶׁבָּטְחוּ בְךָ** - אונזערע עלטערן וועלכע האבן זיך פארזיכערט אין דיר, **וַתְּלַמְּדֵם חֻקֵּי חַיִּים** - אז דו האסט אויסגעוועלט זיי ארויסצוציען פון מצרים און זיי לערנען די וועגן פון לעבן ביים הר סיני.

למעשה זעט עס אונז אויס ווי א חידוש. ווען איר פרעגט, "וואס האט צוגעברענגט אונזערע אור-

עלטערן צו זוכה זיין צו **אֲשֶׁר בָּחַר-בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ**, צו ווערן אויסדערוועלט?" וואלטן מיר זיך נישט פארגעשטעלט אז דאס איז ווייל זיי האבן געשריגן צום באשעפער ווען זיי זענען געווען פארקלעמט. אבער דאס איז וואס מיר לערנען אצינד. דאס איז דער באדייט פון **בַּעֲבוּר אֲבוֹתֵינוּ שֶׁבָּטְחוּ בְךָ** - אונזערע אור-עלטערן האבן זיך פארזיכערט אין דיר. ווייל זיי האבן געשריגן צו דיר מיט זייער גאנצע הארץ, נאכאמאל און נאכאמאל, דאס איז וואס האט זיי געמאכט ווערד און גרייט פאר יציאת מצרים און קבלת התורה.

# חלק ב. תפילה מיט בטחון

## לעבן אין א נעפל

מיר מוזן פארשטיין עפעס איבער דער מענטשליכער זעל און זיין אויפגאבע אויף די וועלט. דער מענטשליכער זעל איז זייער טיף; ס'איז טיף און ענדלאז. דער באשעפער האט אריינגעבלאזן די נשמה אין א מענטש און ווען איינער בלאזט אריין אין א צווייטן, בלאזט ער אריין פון זיך. און דאס מיינט אז ס'איז דא גרעניצלאזע גרויסקייט, ענדלאזע מעגליכקייטן אין יעדן פון אונז.

די גמרא (נדה ל:) זאגט, איידער א קינד ווערט געבוירן, קומט א מלאך און לערנט מיט אים די גאנצע תורה. אלע געוואלדיגע השקפות פון א תורה'דיגע לעבן ווערט געלערנט מיט אים איידער ער ווערט געבוירן. און דאן, ממש פאר ער דארף אראפקומען אויף די וועלט, געבט אים דער מלאך א שנעלקע און ער פארגעסט אלעס. געדענקט איר דעם מאמר חז"ל? איז דאס נישט אן אינטערעסאנטע זאך? וואס איז דער צוועק פון אים אויסלערנען אלעס אויב ער גייט עס סייווי גלייך פארגעסן?

און דער ענטפער איז אז ער פארגעסט עס נישט! עס בלייבט אין אים אויף אייביג. ווען דער מלאך געבט אים א שנעלקע ווערט ער 'באוואוסטלאז' און דאס איז ווי אזוי מיר ווערן געבוירן אויף די וועלט; מיר געפינען זיך אין א נעפל און מיר זענען אומבאוואוסטזיניג צו וואס מיר זענען און וואס מיר פארמאגן; אבער הינטערן געוויסן איז עס דא.

## ערוועק מיין כבוד

און דערפאר איז אונזער תפקיד אויף די וועלט צו ערוועקן די גרויסקייט פון אינערליך אין אונז און עס ארויסברענגען צום אויבערפלאך. דאס איז וואס דוד המלך האט געזאגט (תהלים נז:ט): **עוּרָה כְבוֹדִי** - ערוועק מיין כבוד! מיר אלע פארמאגן א כבוד אין זיך, אבער ס'איז טיף פארשלאפן. מיר דארפן עס אויפשאקלען אזוי ווי דוד המלך האט געטון און עס מאכן ארויפקומען צום אויבערפלאך.

אלזא, איינע פון די גרויסקייטן וואס מיר פארמאגן אין זיך איז די געהויבנקייט פון בטחון, פון זיך פארלאזן אויפ'ן באשעפער. אבער נישט בלויז זיך פארלאזן ווי, "וואס קען איך פארלירן, כ'וועל דיר אויך בעטן." דאס איז נישט די געהויבנקייט פון בטחון וואס דער באשעפער האט אריינגעבלאזן אין דיר.

לאמיר זאגן איינער געפינט זיך ביים עק פונעם שטריק; ער האט שוין אלעס פראבירט. קיינער גייט אים נישט העלפן. קיין שום באנק וועט אים נישט געבן א הלוואה. ער האט נישט קיין פריינט. און אזוי קומט ער צום סוף צו דיר. ער געדענקט דיר פון לאנג צוריק, דו האסט געלערנט מיט אים צוזאמען אין חדר און ער קומט צו דיר און זאגט, "ביטע! דו מוזט מיר העלפן!" און ער וויינט צו דיר, "איך האב קיינעם אויף וועמען זיך צו פארלאזן אויסער דו." און ער איז ערנסט - ער פראבירט נישט

בלויז צו אנשטעלן א שפיל. למעשה, דו וואלטסט אים געוואלט פארשיקן אבער ער וועט נישט אננעמען א 'ניין' פאר אן ענטפער ווייל דו ביסט זיין איינציגע האפענונג. ער איז פארצווייפלט. ער ווייסט אז ער האט גארנישט אויסער דיר.

דאס איז געווען דער מצב פון אונזערע אור-עלטערן! נאר זיי האבן נישט געווארט ארומצוגיין איבעראל צו אויסגעפינען וואספארא אנדערע מיטלען זענען פארהאן זיי צו העלפן. זיי זענען נישט געגאנגען פריער צום באנק פאר א הלואה אדער אנגערופן דעם רייכן פעטער אין די בראנקס. זיי האבן געוואוסט פון אנהייב אן אז **אֵין לָנוּ מֶלֶךְ אֶלָּא אַתָּה** - מיר האבן נישט קיינעם אויסער דו! און זיי האבן אויסגעשריגן מיט אזא כוונה, מיט אזויפיל הארץ, מיט אזא הויכע קול, אז יעדע תפילה, יעדער קרעכץ און יעדעס געוויין האט זיי געמאכט פאר אלץ גרעסערע און גרעסערע בעלי בטחון. ביז זיי זענען געווארן אזוי גרויס אז דער באשעפער האט געזאגט, "אצינד איז געקומען די צייט!"

## תפילה איז דער וועג

איז אצינד לערנען מיר דא אז איינע פון די געוואלדיגע וועגן - איינע פון די גרויסע מיטלען צו ארויסברענגען וואס ליגט טיף אין דיין נשמה און זיך פארוואנדלען צו וואס דו קענסט ווערן, איז דורך דאווענען; דאס איז תפילה. און דאס איז וואס אונזערע אור-עלטערן אין מצרים האבן געטון - זיי האבן ארויסגעברענגט זייער גרויסקייט אין בטחון דורך דער מיטל פון דאווענען.

אלזא, ווען איך זאג 'דאווענען', מיינט דאס נישט בלויז זאגן די ווערטער און שוין. דו וועסט צוערשט מוזן פארגעסן וואס דו האסט אין קאפ איבער דאווענען ווייל מיר גייען לערנען א גענצליך אנדערער צוועק פון תפילה. מיר גייען זען אז תפילה איז דער גוט אויסגעפלאסטערטער דורכגאנגס וועג צו בטחון.

אלזא, יעדער ווייסט אז עס איז דא א שער הבטחון אין חובת הלבבות; ער איז באוואוסט מיט דעם - ער איז איינער פון אונזערע וויכטיגסטע מקורות אויף די געוואלדיגע נושא. אבער ווען וועט איר עס טון? לערנען שער הבטחון איז געוואלדיג אבער וויפיל מענטשן טוען עס? חובת הלבבות איז נישט אזא גרינגער לימוד. און אפילו אויב לערנט איר יא שער הבטחון, דארף מען עס פראקטיצירן יעדן טאג. איר דארפט עס זאגן נאכאמאל און נאכאמאל, אזוי אז עס גייט אריין אין אייער קאפ. און תפילה געבט אונז א וועג דאס צו קונה זיין.

## די מוסר באוועגונג

ס'איז אזוי ווי הגאון רבי ישראל סאלאנטער האט געזאגט איבער לערנען מוסר. רבי ישראל סאלאנטער האט אויסגעטראטן א מהלך פון לערנען מוסר. דער אמת איז, ס'איז געווען אן אלטער מהלך, אבער ער האט עס באנייט.

לאמיר זאגן א מענטש וואס איז געווען קעגן לערנען מוסר אין די ישיבות - ס'איז געווען אזא מענטש - האט ער גענומען א מסילת ישרים און געליינט אפאר שורות און געזאגט, "איז וואס?! צי האט עס מיר געטוישט?"

ניין, עס האט אים נישט געטוישט. אבער ער האט נישט פארשטאנען וואס עס מיינט לערנען מוסר - ער האט עס נישט געלערנט דעם ריכטיגן וועג. רבי ישראל סאלאנטער האט אויסגעלערנט דעם ריכטיגן וועג. ער האט געזאגט אז צום אלעם ערשט זאל מען עס זאגן מיט א הויכע קול און מיט התלהבות - מען זאל עס שרייען. צווייטנס, מען זאל עס טון נאכאמאל און נאכאמאל. און אויב

מען פאלגט נאך דעם דרך, האט רבי ישראל סאלאנטער געזאגט, דאן נאך א שטיק צייט ווערט מען אן אנדער מענטש.

איז דאס נישט א טראגעדיע צו זאגן די ווערטער א גאנץ לעבן און קיינמאל נישט פאקטיש זיי שפירן? רבי ישראל סאלאנטער האט אונז געלערנט אז מ'דארף איבער'חזר'ן די דאזיגע געוואלדיגע ווערטער נאכאמאל און נאכאמאל - אבער מ'דארף עס שרייען און ארייגלייגן די גאנצע הארץ דערין.

## דער מוסר סדר אין סלאבאדקע

דאס איז ווי אזוי מ'האט געלערנט מוסר אין סלאבאדקע. זיי האבן געטופעט מיט די פיס און געשריגן; יעדער איינער האט געשריגן זיין באליבטער מאמר. און מ'האט געשפאלטן דעם דאך פון די ישיבה. דורכאויס א האלבע שעה איז געווען א קול רעש גדול. און ביים סוף פון די האלבע שעה איז מען מער נישט געווען דער זעלבער מענטש. די ווערטער וואס מענטשן זאגן קאלט אן צו ווערן באאיינפלוסט דערפון, זענען דאן אריינגעדרינגען אין די מארך פון זייערע ביינער. זיי האבן אנגעהויבן צו באלעבן די געוואלדיגע השקפות.

א גאנצע וואך איז עס געווען בלויז א האלבע שעה. אבער פרייטאג צונאכטס, זענען נישט געווען קיין לעקטערס אין ישיבה; ס'איז געווען טונקל, און מיר האבן געהאט א גאנצע שעה פאר מ'האט אנגעהויבן מעריב, וואס דאן האבן מיר זיך אינגאנצן אויסגעגעבן. א גאנצע שעה אויף איין זאך! יעדער האט אויסגעוועלט זיין באליבטער מאמר חז"ל און טרערן זענען געפלאסן ווי וואסער, ווי א קוואל פון די אויגן. יעדער האט געשריגן זיין מאמר חז"ל פון זיין ווינקל, "**הָעוֹלָם הַזֶּה דּוֹמֶה לִפְרוֹזְדוֹר בִּפְנֵי הָעוֹלָם הַבָּא** - די וועלט איז ווי א פארצימער צו די קומענדיגע וועלט! איי איי איי איי! **הַתְקֵן עַצְמְךָ** - גרייט זיך אן! איי איי איי! גרייט זיך אן!" נאכאמאל און נאכאמאל.

ביים סוף פון די שעה, ווען מ'איז ארויסגעקומען דערפון, איז מען געווען א נייער מענטש. מ'האט געזען זאכן אזוי קלאר ווי קיינער אנדערש האט עס נישט פארשטאנען. די זעלבע מאמרים וואס זענען פריער געווען איבערפלעכליך זענען אצינד געווארן אזוי אויסגעשארפט און אויסגעקלארט אין מח.

## עקספלאדירן די באמבע

אלזא, דאס איז וואס תפילה איז. תפילה איז א מוסר סדר - דאס מיינט אז דו רעדסט דירעקט צום קעניג. דו זאגסט "**אַתָּה** - דו באשעפער!" ד-ו. "איך דארף דיר, באשעפער!" צי ווייסטו וואס 'דו' מיינט? עס מיינט אז דו רעדסט דירעקט צום באשעפער, ווייל ער איז דער וועמען דו דארפסט.

און דאס הייבט אן ארויסצופאמפען די בטחון וואס דו פארמאגסט. מיר דארפן נישט ארויסגיין אינדרויסן צו טרעפן אמונה און עס ארייגלייגן אין אונזערע הערצער; מיר פארמאגן אן אטאם באמבע פון בטחון וואס ליגט אין אונז. עס זענען דא ענדלאזע אוצרות פון גייסטישע ענערגיע אינעווייניג אין אונז און ס'איז געוואנדן אין אונז צו אנהייבן עס לאזן ארויסקומען.

וואס תפילה טוט, קען גארנישט אנדערש אויפטון. דו זאגסט עס נאכאמאל און נאכאמאל; "איך דארף דיר פאר דעם און איך דארף דיר פאר יענץ און פאר דאס און יענץ." און דאס ציט ארויס פון די נשמה א גרויסקייט וואס דו האסט זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט אז עס איז מעגליך, א גרויסקייט פון בטחון וואס איז באגראבן אין אונזער נשמה. ווען דו שרייסט נאכאנאנד צו א בורא, און דו טוסט

עס מיט התלהבות, מיט געפיל און חשק, דאס לערנט דיר בטחון. דאס איז ווי אזוי תפילה מאכט דיר גרויס.

## זיך טוישן

און אייגנטליך איז דאס דער שטארקסטער טעם אויף תפילה; תפילה באדייט נישט בלויז צו באקומען וואס דו דארפסט, וואס דו ווילסט האבן אין דיין טאש. ס'איז אויף צו באקומען בטחון אין דיין קאפ. דאס איז איינע פון די עיקר צילן פון תפילה, צו לערנען אז דער באשעפער איז דער וואס טוט זאכן, אז ער טראגט די פאראנטווארטליכקייט.

און כאטש דו ביסט ווייט פון דעם - דו האסט נישט געלערנט שער הבטחון; דו האסט גארנישט געלערנט פון בטחון - אבער דער בלויזער פאקט אז דו בעטסט פון באשעפער און דו פראבירסט עס צו טון מיט א ציל פון קונה זיין די מידה, דורך דער מיטל פון רעדן צום באשעפער און אים בעטן זאכן, הייבסטו אן צו באקומען די השקפה אז דער באשעפער איז דער וואס וועט דיר עס געבן - דו ווערסט אן איש בטחון.

און אזוי, דארף זיך יעדער נעמען אין די הענט און מאכן תפילה אלס א סדר אין לעבן - יעדער גוטער, פרומער איד, א מאן און א פרוי, דארף זיך דערהייבן דורך זיינע אייגענע השתדלות און ארויסקריכן פון דעם גרוב פון דאוונען אויף דעם אופן ווי עס ווערט געטון אין אונזערע שולן.

## קוק נישט ארום

איר ווייסט, צומאל מאכט זיך א בעל תשובה, וואס ער קומט פון אינדרויסן און זיין הארץ איז פול מיט פייער צו דינען דעם באשעפער. און אזוי קומט ער אריין אין אן ארט וואו מענטשן זענען אלעמאל געווען ערליך און ער קוקט ארויף אויף זיי; זיי זענען זיינע מאדעלן. און וואס זעט ער? ער זעט אז זיי מאכן נישט קיין גרויסן עסק פון דער ענין פון תפילה. זיי איילן זיך אדורך די שמונה עשרה. ס'איז א פארמאליטעט. קיינער קלאפט נישט זיין קאפ מיט א ברען, קיינער דאווענט נישט ווי גלייך דער באשעפער איז דער איינציגסטער וואס קען אים ענטפערן.

און דאן פילט ער זיך פארשעמט; וואס וועט ער טון, דער נייער צוגעקומענער, צי וועט ער זיי לערנען ווי אזוי צו דאווענען?! סיי ווער וואס ווייזט אז ער איז אביסל מער פרום ווי די מענטשן ערווארטן פון אים, איז ער שוין א מאדנער מענטש. און דערפאר, נאך א קורצע צייט, פאלט ער אריין אין זעלבן גרוב ווי זיי און ער הייבט אויך אן צו פארפאטשקען זיין לעבן.

אה ניין! קוק נישט אויף די מענטשן ארום דיר! די גלענצנדע געלעגנהייט פון תפילה זאל אויסגענוצט ווערן אפילו אויב דאס מיינט אז דו וועסט דארפן איגנארירן די אלע מענטשן ארום דיר. אפילו אויב זיי זענען תלמידי חכמים; אויב בלייבן זיי שטעקן אינעם גרוב פון געוואוינהייט, מאך זיך נישט וויסנדיג פון זיי. צומאל, אויב ווילסטו עפעס אויסוואקסן, וועסטו מוזן זיין זעלבסטשטענדיג. דו קענסט זיך נישט אנלאנען אויף די מיינונגען פון אנדערע מענטשן; דו מוזט זיך אליין ארויסלאזן אויף דעם וועג צו אנקומען צום באשעפער. ראטעווע דיין לעבן! דו פארמאגסט בלויז איין לעבן!

## ארויפקריכן דעם בארג

און רעד נישט דערפון ווייל זיי וועלן דיר אנרופן א שיכור. דערצייל נישט פאר דיין ווייב אדער מאן. זיי וועלן דיר חס ושלום אפקילן. אפילו אין ישיבה קענסטו נישט רעדן דערפון. לאמיר זאגן דו

גייסט אריין אין בית המדרש און דו זאגסט פאר די מענטשן, "איך וויל ווערן אן איש בטחון דורך בעטן פון באשעפער אלעס וואס איך דארף, אלעס וואס איך וויל," וועלן זיי דיר באטראכטן ווי א צערודערטער, זיי וועלן דיר לאכן אין פנים. דאס מיינט נישט אז זיי זענען קעגן דעם געדאנק, אבער אויב דו זאגסט עס, מיינט עס אז דו ביסט א שיכור. עס איז נישט כדאי צו זאגן אזעלכע זאכן אין ישיבה. דער בארג פון בטחון איז א בארג וואס דו וועסט אליין דארפן ארויפקריכן.

ס'איז א שטראז וואס ווערט זעלטן דורכגעמאכט; זייער ווייניג פארן אדורך דערויף. איר ווייסט, ווען בערג קריכערס ווילן איינעמען א הויכן בארג, זענען דא אסאך מענטשן וואס שטייען אונטן פון בארג. זיי פארמאגן אלע זייערע קריכן געצייג; די געצעלטן, שטריקן און העק. אבער ווי העכער מען גייט, אלץ שווערער ווערט דער וועג און זייער ווייניג מענטשן זענען ווילינג באמת ארויפצוקריכן ביז אויבן. נאר די וואס ווילן באמת, זיי דערגרייכן צום שפיץ.

למעשה, מיר זענען נישט אינטערעסירט צו ארויפקריכן אויף די סארט בערג - דאס מיינט גארנישט צו אונז. אבער דער בארג פון בטחון, דאס מיינט אלעס! אודאי, ס'איז א זייער הויכער בארג און דו געפינסט זיך נאך אונטן. לויטערע בטחון מיינט אז דו גלייבסט אז דער באשעפער איז דער איינציגסטער וואס קען דיר העלפן און קיינער אנדערש האט נישט קיין ווארט אינעם ענין, און מיר זענען נאך זייער ווייט פון דעם. אבער אצינד האבן מיר אונזער וועג פאראויס - מיר האבן אונזער וויכטיגסטער קריכן געצייג.

ווען א מענטש אפעלירט צום באשעפער פאר הילף, מאכט אים דער דרויסנדיגער אקט פילן אז דער באשעפער איז דער איינער וואס קען אים העלפן. און דאס הייבט אן ארויסצוברענגען די טיפע בטחון וואס ער איז פעאיג צו האבן. ווי מער מען ווערט פארנומען מיט דאווענען צום באשעפער - נישט בלויז דאווענען נאר אויסשרייען צו אים ווייל ער איז דער איינציגסטער - ווי מער דו אנערקענסט אז ער איז דער איינציגסטער וואס קען דיר העלפן, איז דאס איינע פון די געוואלדיגע וועגן צו קענען ארויפקריכן דעם בארג. און ווי מער תפילה, אלץ שנעלער קריכסטו און אלץ העכער דערגרייכסטו.

# חלק ג. דורכלערנען די תפילה

## פארזעענע געלעגנהייטן

ס'איז א טראגעדיע אז אזויפיל גוטע מענטשן קריכן נישט ארויף אויף דעם בארג פון בטחון. איך רעד יעצט פון גוטע מענטשן וואס געבן אוועק זייער לעבן צו דינען דעם באשעפער. און דאך, אזויפיל פארפעלן צו אויסניצן איינע פון די גרעסטע געלעגנהייטן וואס דאס לעבן קען צושטעלן פאר סיי וועמען, און דאס איז, די הצלחה וואס א מענטש קען קונה זיין דורך די עבודה פון תפילה. איז עס נישט א שאד אז בעלי השקפה זאלן לאזן זייערע לעבנס דורכגיין, דאווענען פון געוואוינהייט ווי מִצְוַת אֲנָשִׁים מְלֻמָּדָה, אן צו טראכטן וואס זיי זאגן? דריי מאל א טאג אדער מער, טאג נאך טאג, און זיי אנערקענען נישט אז יעדעס שטיקל פון דאווענען איז א געלעגנהייט צו ארויפקריכן העכער.

אצינד, איך וויל אייך דא זאגן א קליינע נקודה איידער מיר גייען ווייטער. איר וועט אפשר זאגן, "גוט, אן איינמאליגע תפילה, וויפיל בטחון קען איך שוין קונה זיין דערפון? בטחון איז אזוי געהויבן, אזוי הויך, וואס קען שוין א קליינע תפילה טון?"

דער ענטפער איז אזוי: איך קען א מענטש וואס האט א דיאמאנטן געשעפט, און א גאנצן טאג רייבט ער דיאמאנטן מיט א רעדל זיי אויסצופארעמען. ווען עס ווערט פינף אזייגער, לאזט ער זיך אראפ צו די ערד מיט א בעקן און א בערשטל און שארט אריין אלע שטויב פון אונטער זיין מאשין; ווייל דאס איז נישט שטויב - דאס איז דיאמאנטן שטויב און דיאמאנטן שטויב איז טייער. און צומאל קען ער אויך טרעפן א קליינטשיגע שטיקל דיאמאנט אויף די ערד.

אזוי אויך, ווען עס קומט צו בטחון איז יעדע קליין ביסל טייער, אפילו מער ווי א דיאמאנט. און תפילה איז וואו איר וועט געפינען די דאזיגע דיאמאנטן. איר וועט טרעפן דיאמאנטן שטויב און דיאמאנטן ברעקלעך און אויב איר לייגט צו קאפ דערצו וועט איר אויך טרעפן גאנצע שטיקער דיאמאנטן.

## דער באשעפער קאנטראלירט

ווען איר גייט אדורך די תפילות, וועט איר זען אזויפיל אויסדריקן וואס ברענגען ארויס אז דער באשעפער איז פאראנטווארטליך אויף יעדן פרט פון אונזערע לעבנס. און אפילו אויב נאר איין מאל אין א גאנצע שמונה עשרה וועסטו האבן א הרגשה, אן אמת'ע געפיל אז ער איז דער וואס איז פאראנטווארטליך, די ביסל איז שוין א גרויסע דערגרייכונג. דו לעבסט מיט א צוועק אין יענעם טאג!

אלזא, איך וועל איך נישט אויפהאלטן יעצט אבער איך וועל געבן בלויז אפאר ביישפילן כדי איר זאלט פארשטיין וואס איך זאג. אין עטליכע וואכן ארום וועט מען אנהייבן זאגן ביים דאווענען, **מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם** - דו בלאזט דעם ווינט און דו מאכסט רעגענען.

אין לשון הקודש איז נישטא דער אויסדריק 'עס רעגנט'; דאס איז אין ענגליש און אויך אין אידיש. אין אמעריקע זאגט מען, "עס רעגנט." עס רעגנט, גארנישט! אדער, "א ווינט בלאזט". שקר וכזב! דער ווינט בלאזט נישט פון זיך אליין! עס רעגנט נישט פון זיך אליין! עס איז **מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם** - דו באשעפער, דו בלאזט דעם ווינט. דו ברענגסט אראפ דעם רעגן.

האלט דאס אין קאפ אויף ביז נאך סוכות ווען מ'וועט אנהייבן זאגן די ווערטער. איר פראקטיצירט דאן יעדן טאג אייער בטחון מיט די דאזיגע ווערטער. איר לערנט זיך אליין אז דער באשעפער קאנטראלירט די וועלט.

## באקומען נארמאלקייט

ווען מיר זאגן "**אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת** - דו גיבסט אונז דעת," פארוואס זאגן מיר **אַתָּה חוֹנֵן**? אנדערע תפילות הייבן מיר נישט אן מיט אַתָּה. מיר זאגן, **רְפָאֵנוּ**, **בָּרֵךְ עָלֵינוּ**, **שְׁמַע קוֹלֵנוּ**. נאר ווען עס קומט צו דעת זאגן מיר גלייך ביי די ערשטע ווארט פון די ברכה, "דו".

דער ענטפער איז, אז אפילו דער בעל בטחון, ווען עס קומט צו דעת מיינען מענטשן, 'איך האב דעת. ס'איז איך. וואס האט דאס צו טון מיט בטחון?'

ניין! אן דעם באשעפער האסטו נישט קיין שום דעת. דאס איז פארוואס מיר דארפן א הקדמה; דער אריינפיר איז "**אַתָּה** - דו! ווען נישט דיר, וואלט איך געווען א ווילדער וואנזיניגער." די סיבה פארוואס דו געפינסט זיך נישט חלילה אין א משוגעים אנשטאלט, אין אן אויסגעבעטע צעל שטויסנדיג און האקנדיג דיין קאפ אין וואנט, איז '**אַתָּה**'. דו גייסט אין גאס און דו רעדסט נישט אומזיניגע רייד? דו גייסט ווי אן אנשטענדיגער, ציוויליזירטער מענטש? דאס איז **אַתָּה חוֹנֵן**!

אה, אצינד לערנסטו בטחון! דריי מאל א טאג דערמאנסטו זיך אז דער באשעפער איז דער וואס

מאכט דיר נארמאל. "ס'איז אַתָּה! ס'איז דו!" אויב ווייסטו וואס דו זאגסט, איז עס א דיאמאנט יעדע מאל דו זאגסט עס.

## ער איז דער היילער

ווען דו זאגסט "רְפָאֵנוּ הַשֵּׁם וְנֵרָפֵא, הייל מיר, באשעפער," טראכסטו איבער וויפיל הונדערטער און טויזנטער קאמפליצירטע מצבים קומען פאר אין דיין קערפער יעדן טאג - ס'איז ממש א נס אז דו לעבסט.

איך דערצייל אייך אלעמאל איבער די קליינטשיגע דינע אדערן אין קאפ דורך וואס די בלוט פליסט שטאטעלעך אדורך, בלוט צעל נאך בלוט צעל. די אדערלעך זענען אזוי דין, אז די בלוט פליסט דורך אין א דינער שטראם. למעשה, בלוט איז א קלעבעדיגער מאטריאל, ווייסט איר. ס'איז פלאזמע און פלאזמע איז קלעפעדיג. איז אין אזעלכע שמאלע רערן, קען פאסירן אז די בלוט זאל בלייבן שטעקן און ווען דאס פאסירט קען עס גורם זיין, חס ושלום, א סטראוק אויפ'ן ארט. איז פארוואס פאסירט עס נישט? ווייל דער רופא חולים האלט די בלוט פליסיג און עס פליסט אדורך. צומאל פאסירט אז א בלוט צעל בלייבט כמעט שטעקן, דאן שיקט דער באשעפער א צווייטער בלוט צעל עס צו געבן א שטופ פאראויס. אהה! דאס מאכט פריי דעם דורכגאנג און דו בלייבסט געזונט.

מיליאנען אזעלכע זאכן פאסירן אין דיין קערפער א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט. איז ווען דו זאגסט, "בָּרוּךְ אַתָּה ה' - דו באשעפער ביסט דער רוֹפֵא חוֹלֵי עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל - דער וואס האלט אונז געזונט; דו ביסט דער וואס היילט אונז נאכאנאנד," דאן ארבעטסטו אויף דיין בטחון. אודאי, ווען ס'איז וויכטיג צו איינעמען א רפואה, זאלסטו נעמען די מעדיצין, אבער דו דארפסט וויסן אז "אַתָּה, ס'איז דו". דער באשעפער איז דער וואס היילט אונז. די מצוה איז צו נעמען די מעדיצין, אבער דורכ'ן דאווענען דערמאנסטו זיך אז בלויז דער באשעפער איז דער רוֹפֵא חוֹלֵי עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל.

## פארמיידן פראבלעמען

אלזא, יעדע ברכה איז אזוי; יעדע ברכה איז א מוסר סדר. דורכאויס די גאנצע וועג ביז צום סוף פונעם דאווענען. שִׂים שָׁלוֹם. "אה באשעפער, שִׂים שָׁלוֹם! עס זאלן נישט זיין קיין קריגערייען ביי מיין הויזגעזינד. עס זאל זיין שלום אויך ביי דאס הויזגעזינד פון מיינע זין און טעכטער." אה, ס'איז שטיל אויף אלע פראנטן? דיינע טעכטער לעבן בשלום מיט זייערע מענער? קיינער רעדט זיך נישט אפ? אפשר יא, אבער נישט צו דיר. דו הערסט גארנישט פון דיינע קינדער. דאס איז דער באשעפער! ס'איז בלויז צוליב דעם באשעפער!

"באשעפער, ביטע! איך וויל נישט האבן קיין קלאגעס מיט מיינע שכנים!" זענט איר דאס אמאל אדורך; צו האבן עפעס פראבלעמען מיט א שכן און דערנאך ווערן געשלעפט אין געריכט? א מענטש וואס פלעגט דא קומען, ער פלעגט א גאנצע צייט בלינקען מיט די אויגן און ער איז געווען זייער אנגעצויגן. איך האב אמאל גערעדט מיט אים און ער האט מיר דערציילט אז ער האט נאכאנאנדע לעגאלע פראבלעמען מיט זיינע שכנים; איבער די פארקינג, איבער דאס און איבער יענץ; ער איז אריינגעשלעפט געווארן אין געריכט נאכאמאל און נאכאמאל. דאס איז צרות! נאר מיט'ן באשעפער קענסטו פארמיידן אזעלכע זאכן!

לאז נישט דיין שמונה עשרה ווערן פארפאטשקעט! שמונה עשרה איז א גאלדן גרוב, אפילו אויב דו כאפסט בלויז איין פולער האנט דערפון ביסטו שוין אן עושר. אבער דו דארפסט וויסן ווי אזוי צו

כאפן! כׇּל שֶׁאֵינוֹ אוֹמְרָהּ בִּלְשׁוֹן תַּחֲנוּנִים - "אויב בעטסטו זיך נישט ביים באשעפער פאר רחמנות, אויב שרייסטו נישט אויס און בעטסט זיך, דאן איז דיין תפילה נישט קיין תפילה" (ברכות כט:). ווען דו דאווענסט, דארפסטו דאווענען כְּרָשׁ הַמְּבַקֵּשׁ בַּפֶּתַח, ווי אן ארעמאן וואס בעט זיך ביי די טיר פון אן עושר (שלחן ערוך או"ח צח:ג). מען רעדט דא איבער א מענטש אן קיין שיך, ער איז הונגעריג און קאלט, און ער בעט זיך פאר עפעס צו עסן. דאס איז א מענטש וואס ווייסט ווי אזוי זיך איינצובעטן! און דאס איז ווי אזוי מיר דארפן דאווענען.

## רעדן א גאנצן טאג

אבער דאס איז נישט נאר אין שול. אן איש בטחון דארף שרייען צום באשעפער א גאנצע צייט. ווייל אויב ער איז דער איינער, אויב ער איז דער איינציגסטער אדרעס, דאן ווערט עס א פולער טאג באשעפטיגונג. אויב קענסטו דאס טון ביי שמונה עשרה מיט כוונה, זייער גוט, אבער דאס מיינט נישט אז דו קענסט עס נישט טון אינדרויסן פון שמונה עשרה. דו קענסט רעדן אין סיי וועלכע שפראך אינמיטן טאג.

פון צייט צו צייט, דורכאויס דעם טאג, זאג צום באשעפער, "באשעפער! באשיץ מיר פון צרות." איר ווייסט, מענטשן גייען אריבער די גאסן, געפארפולע גאסן ווי מענטשן ווערן געכאפט אין עקסידענטן און ווערן גע'הרג'ט אדער געשעדיגט ר"ל.

איז אלזא, ווען איר גייט אריבער א גאס איז כדאי צו זאגן א תפילה. מיינט נישט אז ס'איז א וויץ. איר גייט ארויס ביינאכט, באקליידט מיט שווארצע אנצוגן און שווארצע הוטן, די דרייווערס זעען אייך נישט; איר דארפט מתפלל זיין. ווען איר דארפט אריבערגיין א גאס ביינאכט, מאכט זיכער צו בעטן פריער, "באשעפער, ביטע פיר מיר אריבער פארזיכערט."

אצינד, דער בלויזער פאקט אז דו האסט געבעטן דערפאר, איז שוין א הצלחה. אפילו אויב אלע קארס געפינען זיך היינט נאכט פארקירט און קיינער פארט נישט אויף די גאסן - דו ביסט סיווי נישט געווען אין א געפאר - איז עס א הצלחה ווייל דו האסט זיך פארלאזט אויפ'ן באשעפער.

## בעט, בעט און בעט נאכמער

און אזוי, בשעת דו שפאנסט אראפ די גאס, קענסטו רעדן צום באשעפער. ער איז סיווי דער איינציגסטער וואס קען דיר העלפן. דו ביסט נאכנישט פארהייראט? בעט פאר א גוטן שידוך. דו ביסט שוין פארהייראט? בעט פאר פיינע קינדער, בעט פאר גוטע שידוכים פאר דיינע קינדער. בעט פאר גוטע איידעמער, גוטע מחותנים. בעט פון באשעפער פאר פרנסה. דו האסט פרנסה? בעט אז דו זאלסט מצליח זיין אין דיין פאך. בעט אז עס זאל אלעמאל זיין פרידן און רואיגקייט אין דיין געגנט. בעט שטענדיג אז דו זאלסט זיין געזונט, אז דו זאלסט אלעמאל האבן א גוטע זע קראפט. אז דו זאלסט קענען גיין אן א שטעקן. אז דו זאלסט קיינמאל נישט ווערן פארקילט, קיינמאל נישט אנגעשטעקט ווערן מיט קיין קרענק. ס'איז דא אזויפיל אויף וואס צו בעטן.

בעט פון באשעפער אז דו זאלסט זיין אנגענומען. פארוואס נישט? בעט פון באשעפער אז דו זאלסט זיין קלוג. דו קענסט אויך בעטן דער באשעפער זאל דיר מאכן פאר א למדן. אודאי דארפסטו אויך טון עפעס דערצו, אבער דו קענסט נאך אלץ בעטן דעם באשעפער אז ער זאל דיר העלפן מצליח זיין צו קענען בבא קמא און בבא מציעא. דו ווילסט קענען בבא בתרא? בעט פון באשעפער. אצינד קענסטו זאגן, "גוט, ס'איז א גרויסע עבודה, איז זאל איך עס בעסער נישט בעטן; איך זאל אנהייבן

עס טון אליין." בעט אים סייווי. זאג, "רבונו של עולם, געב מיר חשק צו לערנען, געב מיר א שטרעבן צו לערנען." בעט דערפאר. שטענדיג.

דו ווילסט כאפן א באס? איז בשעת דו לויפסט - אודאי זאלסטו קוקן וואו דו גייסט אז דו זאלסט נישט פאלן; צומאל איז די טראַטואַר נישט גלאט - אבער בשעת דו געבסט אכטונג וואו דו גייסט, זאג, "באשעפער הושיעה!" אדער זאג, "באשעפער, העלף מיר כאפן דעם באס!"

אויסדריקליך!

עס זענען נישטא קיין גרעניצן; דו קענסט בעטן אויף אלעם; אויף יעדע קליינע זאך. און דאס איז ווייל ווען עס קומט צו בטחון זענען נישט פאראן קיין קלייניקייטן. נישט קיין חילוק ווי קליין א זאך איז, די תפילה דערויף איז געוואלדיג. ס'איז נישט די זאך וואס איז אזוי וויכטיג; ס'איז די תפילה וואס איז וויכטיג. די נאכאנאנדע רופן צום באשעפער מאכט דיר גרויס.

## בטחון איז דער שליסל

ס'איז נישט דאס ארויסגיין פון מצרים וואס האט אונז געמאכט אזוי גרויס. ס'איז גראדע געווען א געוואלדיגע זאך; וואס מיר האבן דאן געזען וועלן מיר געדענקען אויף אייביג. אבער ס'איז געווען איידער מיר זענען ארויס פון מצרים ווען מיר זענען געווארן גרויס. פארוואס האבן מיר באקומען די גרויסע זכיה, דער געוואלדיגער זכות פון בייוואוינען די ניסים פון יציאת מצרים און געברענגט ווערן צום הר סיני צו באקומען די תורה? ווייל מיר זענען געווארן גרויס פון פאראויס דורך שרייען צום באשעפער.

ווייסט איר פארוואס יציאת מצרים איז גערופן געווארן כּוּר הַבַּרְזֶל, דער אייזערנער אויוון? ווי אזוי טוט מען גוט אויסארבעטן מעטאל? לאמיר זאגן דו ווילסט עפעס אויספארעמען פון גאלד. אבער דו ווילסט האבן ריינע גאלה, פערפעקטע גאלד. ווייסט איר ווי אזוי אויסצולייטערן גאלד? מען קאכט עס אין א ספעציעלן טאפ אין אן אויוון.

די צרות, די פייניגונגען אין מצרים, דאס זענען געווען די אויסלייטערונגען. און ווי אזוי האט עס זיי אויסגעלייטערט? ווייל זיי האבן זיך געקאכט אין צרות. און צוליב אט די צרות האבן זיי געוויינט צום באשעפער אזוי לאנג און מיט אזא ברען, ביז זיי זענען אויסגעלייטערט געווארן און זענען פארוואנדלט געווארן אין לויטערע גאלד. דאס איז געווען די דערגרייכונג פון מצרים.

נאך אט די געוואלדיגע באהאנדלונג, נאך די אלע יארן פון **וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם בַּעֲבֹדָה קָשָׁה** וואס האט זיי געברענגט צו שרייען צום באשעפער, זענען זיי געווארן אזוי מושלם, אז יעצט **שֶׁבָּטְחוּ בְּךָ!** יעצט האבן זיי געהאט די פולע צוטרוי אין באשעפער! זיי האבן פריער אויך געהאט צוטרוי, אבער אצינד האבן זיי עס געהאט אויף א נייע מדריגה וואס זיי האבן קיינמאל פריער נישט געהאט.

דאס איז וואס דער ברענגער פון ביכורים האט אויסגערופן ווען ער איז געקומען צום בית המקדש. "מיר האבן געשריגן צו דיר און דאן - נאר דאן - האסטו אונז ארויסגענומען." ווייל עס האט זיך געוואנדן אין דעם! דאס איז ווי אזוי מיר זענען געווארן ווערד צו אלעם וואס איז געקומען דערנאך. עס איז אלעס געווען **בַּעֲבוּר אֲבוֹתֵינוּ שֶׁבָּטְחוּ בְּךָ** - ווייל אונזערע עלטערן האבן זיך פארזיכערט אין דיר און פארברענגט זייערע טעג מיט תפילה, ארויפקריכנדיג דעם גרויסן בארג פון בטחון. דאס איז ווי אזוי מיר זענען ארויסגעצויגן געווארן פון גלות מצרים און געברענגט געווארן צום הר סיני און ארץ ישראל. און דאס איז ווי אזוי דער באשעפער וועט אונז ווידעראמאל ארויסנעמען פון גלות און צוריקברענגען קיין ארץ ישראל - דורך דער מיטל פון אונזער בטחון.

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל
### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

**שאלה:**

**פארוואס איז לערנען תורה אזוי וויכטיג אז עס שטייט דערויף ״תלמוד תורה כנגד כולם״, אז עס איז גלייך קעגן אלע אנדערע מצוות?**

**תשובה:**

תורה לערנען ווערט באטראכט אלס איינע פון די וויכטיגסטע מצוות ווייל עס פארעמט דיר. עס טוישט דיר.

למעשה, א מצוה פארעמט דיר אויך. למען תזכרו ועשיתם את כל מצוותי והייתם קדושים - דו זאלסט טון מצוות און דו וועסט ווערן הייליג. יעדע מצוה מאכט דיר קדוש. אבער די מצוה פון תלמוד תורה טוישט דיין מח. און ווען דיין מח ווערט געטוישט, איז דאס די גרעסטע קדושה פון אלעם. און דערפאר, תלמוד תורה כנגד כולם.

ווען דו טראכסט אזוי ווי דער באשעפער טראכט, איז דאס דער גרעסטער שלימות פון א מענטש; דאס איז דער גרעסטער טויש וואס דו קענסט מאכן אין זיך. און ווען דו לערנסט תורה, לערנסטו זיך די מחשבות פון באשעפער. דאס איז ווי אזוי דער באשעפער טראכט און ער וויל דו זאלסט טראכטן אין דעם וועג.

און דערפאר, מיינט לערנען תורה צו אריינלייגן אין מח די מחשבות פונעם בורא עולם און דאס איז די גרעסטע פון אלע דערגרייכונגען. אפילו ווען דו לערנסט בבא קמא, ארבע אבות נזיקין, לערנסטו וואס דער באשעפער טראכט ווי וויכטיג עס איז זיך אפצוהאלטן פון מאכ׳ן שאדן אויף א צווייטנ׳ס פארמעגן און דו טראכסט אריין אין די פרטים פון דעם באשעפער׳ס מחשבות.

דו טראכסט ווי אזוי דו דארפסט זיין פארזיכטיג ווען דו גייסט אריין אין א שול; דו ווילסט עפענען דעם פענסטער? געב עס נישט סתם א שטופ ארויס, דו וועסט עס מעגליך צעברעכן אזוי. דאן ביסטו א מזיק און דו דארפסט באצאלן דערפאר. דער באשעפער וויל נישט דו זאלסט זיין א מזיק.

און דו לערנסט איבער דעם ענין נישט צו זיין א מזיק אויף א צווייטנ׳ס אייגנטום! וואספארא גרויסער ענין איז דאס! דו טראכסט ווי דער באשעפער טראכט.